## ידען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT פרייז 30 גראשען

(ציהונג פון דער מלוכה־לאטעריע — זעה זייט 4)

## הײַנט 20 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 145 | Łódź, Piętek, 22 czerwca 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, ט׳ תמוז תרצ״ד | № 145

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

העלענאוו
צופאהר־טראמוואי נומר 4 און 8.

מאנטאג, דעם 25 יוני, פינקטליך 9 אווענט וועט פארקומען

א גראנדיעזער קאנצערט

פון וועלטבעריהמטען אויבער־קאנטאר פון ווארשעווער סינאגאגע

# משה קוסעוויצקי

נאכ׳ן ערפאלגרייכען טורנע איבער ארץ־ישראל.
אין פראגראם: תפילות, פאלקסלידער פון „ארץ־ישראל״ אויך אפערן־אריעס. פון 6 א זינגער שפילט דער סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון בעוואוסטען דירעגענט ס. פיעטרושקא ספעציעל יודישע מוזיק.

ביים קלאוויר: פר. ליכטערמאן־דאווידאוויטש, ווארשא. ▬ איינטריט 1.09 זל., פאר שילער און קינדער 54 גר. ▬ בילעטען צו בעקומען אין דער טערקישער קאנדיטאריי עק פעטריקאווער און פאלודניאווא אויך אין קאסע פון העלענאוו. ▬ פעראיינען קענען געניסען נור איז פארפערקויף אין דער טערקישער קאנדיטאריי אולגאווע בילעטען.

העלענאוו
צופאהר־טראמוואי נומר 4 און 8.

די לייטונג

פון די ערשטע ארטאדאקסישע לערן־ און ערציהונגס־אנשטאלטען

# „דרכי נעם"

פון גרשון אלי׳ ליסס

אין לאדז קילינסקיעגא 50, טעל. 215-26, אל. I מאי 20, טעל. 200-43 ‖ אין ווארשא שוו. יערסקא 34, טעל. 11-15-98

מאכט בעקאנט, אז צום נייעם שול־יאהר 1934—35 ווערען אונזערע חנוך־מוסדות רעארגאניזירט און פערגרעסערט. הן אין די למודי קדש הן אין די למודי חול זועכענדיג זיך צו די פארשריטען פון נייעם שול־געזעץ.
אין די העכערע קלאסען ווערט אנשטאט לשון אייגעפיהרט דער אונטעררייכט פון ענגליש.
איינשרייבונגען פון תלמידים ווערען אנגענומען טעגליך פון 9—2 און פון 4—6 אין די קאנצעלאריעס ביי אונזערע לערן־אנשטאלטען.

די הנהלה.

אחרי מחלה כבדה וממושכה שבק חיים לכל חי

ב״ע

# ישכר סענדר קאראפקא

(ב״ר משה הלוי ז״ל)

בשנת 84 לימי חייו.

הלויתו למנוחת עולמים תהי׳ היום ביום ו׳ ט׳ תמוז תרצ״ד בשעה 12 בצהרים מבית האבל נאראטאוויטשא 32.

השרויים בצער עמוק:

בנו, בנותיו, כלתו, חתניו, נכדיו ונינים.

בצער גדול אנו מודיעים שאתמול ביום ה׳ ח׳ תמוז תרצ״ד שבק חיים לכל חי האיש החסיד והישר באדם י״א שר״ב דפה

נ״ע משה ב״ר משה ז״ל פאלאקאווסקי

(הנקרא ר׳ משה סטערצעווער)

ש״ץ דביה״כ דווילקה

ומבקשים את כל מתפללים ביהכ״נ לחלק לו הכבוד האחרון.
הלוי׳ תהי׳ היום ביום ו׳ ט׳ תמוז תרצ״ד בשעה 1 אחה״צ מבית האבל זשעראמסקי (פיינסקא) 18.

ועד ביהכ״נ ווילקה זאכאדניא 56.

דעם עכטען גוטען כשר׳ן בילינען

יין־קידוש

ווי אויך אריגינעלע רויטוויינען אין בעסטער קוואליטעט
צו זעהר צוגענגליכע פרייזען

ספעציעל פיר מאגען און צוקער־ליידענדע בעקומט מען אין דעם בעקאנטען וויין־געשעפט פון

ע. שיקיער

— אינהאבער: —
ישראל שיקיער

לאדז, 1 פולנאצנא 1, טעלעפאן 107-84.

דאנקזאגונג

מיר דאנקען דעם

פענסיאנאט בעסעראווא

אין קאלומנא

וואס געפינט זיך אין דער פארנעהמסטער געגענד נאהענט פון באן־הויף און אויך מיט אלע בעקוועמ־ליכקייטען איינגעריכטעט. פאר איהר גוטער בעדינונג און געשמאקפולע שפייזען. בעזונדערס דאנקען מיר פאר איהרע לייסטונגען לטובת דעם לאדזער „בית מחסה לזקנים".

ב. א. גליססמאן און פרוי

דער ניי־ערעפענטער מאדערנער

פענסיאנאט

„NOWA ŁODZIANKA"

א. נ.

אין גלאוונא נאווי־אטוואצק

אין בעסערם וויללע — (לייטונג פון ה׳ פעפער)
מאכט בעקאנט, אז ס׳ווערט גערעכענט
א רעסלאמע־פרייז 5 זלאטעס טעגליך

ערשטקלאסיגע כשרע קוך. — די ווילע געפינט זיך אין וואלד. בעווצט פראכטיגע צימערן, לויפענד וואסער, טעניס־פלאץ פלאושע, ראדיא, טעגליך ספיף א קלאק. ווי אויך דאנסינג מיט קלאוויר־בעגלייטונג. מאלירע בעהאנדלונג. קומט און איבערצייגט אייך.

דער

פאביאניצער רבי שליט״א

לאדז, שרודמיעסקא 44
איז דעם זומער

בישט פערריזט.

לרגלי מלאות חמשים שנה
לידידי הנכבד והנעלה, ציר להסיים ראש הקהל דעירינו

ר׳

ליביל מינצבערג נ״י

הנני מברך אותו בחיים ובברכה והצלחה ויזכה לראות בבנין ירושלים ב״ב.

ידידו

יהושע בלאשטיין

פאר גאלד,

ביזשוטעריע

און לאמבארד־סוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזען

אליזאר פיאלקא

פיעטריקאווער 7.

פענסיאנאט „וויינגאט"

קאלומנא

מאכט בעקאנט, אז דער פענסיאנאט האט זיך איבערגעטראגען אין איינע פון די שענסטע ווילעס פון קאלומנע אויף דער לודזקא גאס, 3 מינוט נאנג פון דער באהן. גרויסע זוניגע צימערן מיט ערשטקלאסיגע איינארדנונגען, פרעכטיגער וואלד, זונען־טעראסע. פערגלאזטע ווערענדעם ראדיא

געשמאקפולע קוך ● שטרענג כשר

פינקטליכע און רעעלע בעהאנדלונג.
מעסיגע פרייזען. אויפ׳ן פערלאנג דיעטישע קוך.
צו ווענדען זיך שריפטליך אויף פאלגענדען אדרעס:

Pensjonat „Wajngott" Kolumna ul. Łódzka

אינפארמאציעס אין לאדז ביי ר׳ חיים ווערדיגער, אגרעדאווע 5, טעל. 215-24

Komitet Targów Północnych organizuje

I-sze OGÓLNOPOLSKIE TARGI FUTRZARSKIE

w Wilnie

w czasie od 18.VIII do 9.IX 1934

דער פוטער־יריד וועט בעשטיין פון פאלגענדע אפטיילונגען:

1) פוטער־חיות געהאדעוועטע אין פוילן, 2) שעפסן־צוגלט (בעזונדערס שעפסן פאר קאזשוכעס, 3) פוטער־רוי־מאטעריאל, 4) פוטער־פעל, 5) פוטער־קאנפעקציאן און גאלאנטעריי, 6) גארבעריי־אינדוסטריע, 7) לעדער־קאנפעקציע און גאלאנטעריי, 8) אונטערארבעטענע פון שעפסן, 9) אנדערע געבען־ארטיקלען. 10) מאשינען, מכשירים און געצייג־ארטיקלען, וואס ווערען בענוצט אין פוטער־ און גארבעריי־אינדוסטרי.

פאר דער דירעקציע פון יריד זענען אנערקענט געווארן קאנצעסיעס, די אויסשטעלער וועלען קענען געניסען פון די צאל־פרייע טראנזיט־סקלאדען. — מעלדען זיך

Wilno, Targi Północne, ogród po Bernardyński.

# פיניעלע מזיק
## גים לשון



כ'זאָג ענק, יאַשן, אז זימער איז אַ גיטע זאַך, אַז די ווילקער ציהען אַז קאַ שביאַווע. קען מען נאָך לעבען. אין סטאַשיקס פּאַרק קריגט מע אַ באַנק צי זיצען. אין אגשטאַטס אליי קען מע אַדורכגייז. אַפּן באַליטער פלאַץ איז ליידיק. אין לינא קען מע גייז אַף גאַסע, אַף אַ מענטש קען מען אַדאַרועך דאַרכן פלאַט, אַפּיליק אַף דער סאַמע פּיעטריגדע קען אינדזערס אַ יאַטל גיין שפּאַנצירן — ס'איז דאָך אַ מיכאַיע!

לאָזען זיי, די ווילקער פירן קאַ שביאַווע, מיר יאַטן פון שמולן געסל דאַרפן ניש קא שום שביאַוועס. מיר אַבן פּראַים לוזערס פּאַריק, גייען מיר שאַבּיס באַכן טשולנט, מ'שיט זיך אַעס באַרויס מ'ציט זיך אַעס אַף אַ באַנק. מ'שפּילט קליפּע אַהער פּאַטיפּיקופּיק, מ'קנאַקט באַניקערן און מע־טרינקט נועך סיבאַלקע און מיר אַזן אַ גאַנץ גיטע שביאַווע!

זאָלען זיי, די ווילקער פירן קאַ שביאַווע, מיר, באַליטער יאַטן לאַכן פון די אַלע ווילקער שביאַר וועס! מיר קענע אין באַליט אַבעט גיט פּער־שוואַרצט ווערן!

אַך מיר אַ גיטן שאַבּיס. מאָרגן מאַכן מיר אַ טשעטשקע אין, פראַים לוזערס פּאַריק!

## לאָדז נאָך 12 ביינאַכט

פאַר אַ לאַמטערן שטעהען צוויי שיכורים, ביידע האַלטען זיך קוים אויף די פיס. זאגט איינער צום אַנדערען:

— דו ווייסט לוטעק, אז דער וואָס האָט ער־פינדען דעם שפּירט, האָט געמוזט זיין אַ גע־ניאַלער מענש.

— יאַ, אַבער דער, וואָס האָט אויסגעטראַכט, צו בעצאָהלען פאַר שכירות, איז געווען אַ גרויסער פּאַסקודניאַק.

## אַ קלאַפּ אין טיש...

— האָסט געהערט. מיין זיידע האַלט זיך ביים פאַרייגגערן.

— דורך אַ מאַלבע?

— אידיאָט! וואָס בעליידיגסט דו די פּאַניע קע, מיט וועלכער ער געהט חתונה האָבען?

## היינטיגע סקראָמנע ווייבלעך

ערשטע: וואָס האָבען זי בעקומען צו איהנס אורודזשיגעס?

צווייטע: אַ צווילינג: אַ יונגעלע און אַ מע־דעלע.

ערשטע: „נאַ וו'ע פּאַני" — איך פרעג איהן, וואָס זי האָבען בעקומען פון איהנס מאַן.

# א „טויבע", נעביך!...
## די פּאַציענטקע ביים דאָקטאָר

צו אַ היגען אויערן־דאָקטאָר קומט אַ יונג מיידעל און בעקלאָגט זיך, אז זי הערט שלעכט.

ביים אונטערזוכען, האָט דער דאָקטאָר איהר דערציהלט אַ וויץ, פון וועלכען דאָס מיידעל האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעלאַכט.

— איהר הערט, וואָס איך האָב געזאָגט? — האָט זי דער דאָקטאָר געפרעגט.

— אַ שאלה, צי כ'האָב געהערט? ס'איז אַבּ־„אורדאַנע דאַוושיפּ" — האָט די פּאַציענטקע גע־ענטפערט.

— הייסט „יאָ, אז איהר הערט יאָ?

— איך הער גאָר נישט מיין אייגענעם הוסט, אז איך הוסט, הער איך נישט מיין אייגענעם הוסטען.

דער דאָקטאָר האָט איהר פאַרשריבען אַ מע־דיצין.

— פאַניע דאָקטאָרשע האָט די פּאַציענטקע געפרעגט, נאָכן בעקומען די מעדיצין, וועל איך בעסער הערען?

— ניין, איהר וועט העכער הוסטען — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

# הימן
## צום שטרויענעם אלמן

אַ, שטרויענער אלמן,
דו אלמן פון שטרוי,
עס איז דיר דאָך וואויל איצט
און וואַזשנע אזוי...

אין קיבייך, אין שביאַווע,
צי אין פּיטשיפּוי
דו האָסט איצט וואו שטעקען
דיין „ליבליכע" פרוי!...

זי זיצט דאָרט אויף פּאַשע,
זי ברענט אויף דער זון
אין בלויז עולם הזה
זי איז דאָרט פּערטון...

און דיקער און ברייטער
זי ווערט פון אַ טון...
און ס'האָבען די געסט דאָרט
הנאה דערפון....

דיין ווייב לעבט אַ טאָג איצט,
זי שלאָפט נישט — זי וואַכט...
מיט די פּשיאַטשולקעס
פאַרברענגט זי און לאַכט....

טאָ טראַכט נישט, אַ, „אלמן",
נישט קלערן, און נישט טראַכט,
קוים לעבט זי אַ טאָג איצט,
טאָ, לעב דו ביינאַכט...

אַ, שטרויענער אלמן,
דו זיי נישט קיין יאָלד,
דו האָסט פאַר דיין רוה איצט
בישקשה בעצאָהלט...

טאָ, לאָז זיך גוט וואוילגיין
אויף לעקטרע און דאַמף,
און גרייט זיך בעצייטענס
צום זיג איב'ם קאַמף!

מאַך איצטער טשו טשעניעס
מיט ווייבער אַ סך,
און טו נאָר געהעריג,
דו טו צו דער זאַך...

געדענק, אז דיין פלוניה,
וואָס האָט טויזענד חן,
זי שרייבט איצט קיין תפילין
איך שווער דיר, אוי, ניין!

איקסיגרעק.

## לאָדזער קינד

לעהרער: אויב איך באָרג עמיצען טויזענד זל. אויף 8 פּראָצענט, טאָ, וויפיל...

שילער: אַ, דאָס איז נישט קיין שלעכטס גע־שעפט!

# ווערטער ווי קלעצער

אַ מענש, וואָס האָט דעם שטאַרקסטען מאָגען, קען נישט איינבייסען אַ זעמעל... אויב ער האָט נישט די 5 גראָשען.

אַ פרוי איז אזוי לאַנג ליכט. ווי לאַנג איהר מאַן האָט אַ שווערען בייטעל.

## ווי אזוי האָט ער דערקענט

גאָדעלע: דו ווייסט, מאָטעלע, איך האָב היינט געכאַפּט פיר פליגען, זענען צוויי געווען זכרים און צוויי נקבות.

מאָטעלע: ווי אזוי האָסטו דאָס דערקענט?

גאָדעלע: ווייל צוויי זענען געשטאַנען אויפ'ן שפּיגעל און צוויי אויף דער ספרים־שאַנק.

## א מענש איז געגליכען צו א בייגעל-בעקער

— דו ווייסט, איך האָב איינגעזעהן, אז אַ מענש איז געגליכען צו אַ בייגעל־בעקער.

— פאַרוואָס עפּעס צו אַ בייגעל־בעקער?

— וואָס איז? אַ בייגעל־בעקער איז שוין ביי דיר קיין מענש נישט?

## קליינע אנאָנסען
### ביז 15 ווערטער צאָהלט מען צו 1 זל.

### מאַטוזשיסטען

ווערען געזוכט צו ברוק־אַרבייט. אַנערקענען אין מאַגיסטראַט אונטער „אינטעליגענטען".

### אַ פּאַננע מיט מאַטורע

גיט לעקציעס לאַטיין. פראַנצויזיש און ענגליש. אין אויך גרייט אַנצונעהמען אַ פּאָסטען אין אַ כלאַדניע.

### אַ יונגערמאַן מיט העכערע בילדונג

וויל חתונה האָבען מיט אַ רייכער אלמנה אָדער גרושה. ווען נישט, על מיט אַ קינדערלאָזע פּאַניענקע.

### אַ וויגאָדנע דאַטשע

מחמת דעם, וואָס מיין קוה איז געפּגר'ט, גיב איך אָפּ די שטאַל אויף אַ זומער וואוינונג. דירה געלד 3 זל. אינטעליגענטען קענען זיך מעלדען אין קאַלומני ביים ווירט באַנאַלסקי.

---

# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

● צוזאַמענגעשטעלט פון אַב — נעק ●

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט" נומער 145 — פרייטאג, דעם 22 יוני 1934

## דער ענדעק אגיטירט געגען יודען!...



דער ביי־געוועהלטער ענדעקישער ראַטמאַן, קען נישט אויספּאַקען זיינע „דרשות" אין שטאָט־ראַט, האַלט ער אַנ'אַנטיסעמיטישע רעדע פאַר אַנ'אַנדערען „עולם"...

